# אידישע אויטאָנאָמע געגנט — ביראָבידזשאַן

## פראַגן און ענטפערס

צוזאַמענגעשטעלט פון דער ביראָבידזשאַנער
קאָמיסיע פאַר דער איינאָרדענונג פון די נייע
איינוואַנדערער אין ביראָבידזשאַן, אינמיטן 1947.

אַרויסגעגעבן פון דעם
אַמעריקאַנער ביראָבידזשאַן קאָמיטעט (אַמבידזשאַן)
AMERICAN BIROBIDJAN COMMITTEE (AMBIJAN)
103 Park Avenue, New York 17, N. Y.

## באַמערקונג:

זינט די בראַשור איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דער ביראָבידזשאַנער קאָמיסיע, זיינען אַ חוץ די צוויי מאַסן־עשעלאָנען נייע אידישע איבערוואַנדערער, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם קאַפּיטל „אין וועלכע פּראָפעסיעס נויטיגט זיך די געגנט?“ (זייט 21), אָנגעקומען נאָך 4 מאַסן־עשעלאָנען איבערוואַנדערער פון די וויניצע, קרים, כערסאָן און ניקאָלאַיעווער געגנטן, צוזאַמען: 1,500 משפחות (אַ דורכשניט פון פיר נפשות אין אַ משפחה).

איצט גרייט זיך אין וועג אַריין קיין ביראָבידזשאַן נאָך אַ גרויסע גרופּע איבערוואַנדערער פון ניקאָלאַיעווער און דניעפּראָ־פּעטראָווסקער געגנטן. די גרופּע באַשטייט פון 1,134 משפחות און דאַרף אָפּפאָרן קיין ביראָבידזשאַן אין די חדשים מערץ און אַפּריל, —

א. באַכמוטסקי, דעפּוטאַט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט צום אויבער־ראַט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די דערגרייכונגען פון די 20 יאָר ביראָבידזשאַן, שרייבט אין דער מאָסקווער „אייניקייט“ פון דעם 10טן אַפּריל, 1948:

„דער דראַנג פון די סאָוועטישע אידן צו באַזעצן זיך אין ביראָ־בידזשאַן איז גרויס. פיל מעלדונגען קומען אָן פון קרים, פון זשיטאָ־מיר, כאַרקאָווער, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטן און פון די באַלטישע רעפּובליקן, — אויסער די איבערוואַנדערער, וואָס קומען אין מאַסן־טראַנספּאָרטן, פאָרן אין דער געגנט פיל מענטשן אויף אַן אינ־דיווידועלן אופן. פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן־צוויי יאָר זיינען געקומען אין דער געגנט העכער 20 טויזנט אידן.“

●

## פאַר מער אינפאָרמאַציע וועגן ביראָבידזשאַן

לייענט די זשורנאַלן, אַרויסגעגעבן פון דעם „אַמביזשאַן“:

# „ניילעבן“

און

# “AMBIJAN BULLETIN”

יערלעכער אַבאָנענטן־אָפּצאָל פון אַ זשורנאַל איז $2.00

# פראַגן און ענטפערס וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט

## וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די אַנטוויקלונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט פאַר די אידן?

די באַדייטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט פאַר די סאָוועטישע אידן איז אויסערגעוויינלעך גרוים שוין דערפאַר אַליין, וואָס אין געשטאַלט פון דער געגנט האָט דאָס אידישע פאָלק באַקומען זיין אייגענע סאָוועטישע מלוכהשאַפט.

מיכאַאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, דער לאַנג־יאָריגער פאָרזיצער פון דעם אויבער־סאָוועט פון פסס"ר, דער גרויסער פריינט פונעם אידישן פאָלק, האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשלוס פון דער סאָוועטן־רעגירונג וועגן אויסבילדן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט געזאָגט:

„איך באַטראַכט די פראַגע פּאָליטיש. איך האַלט, אַז די אויסבילדונג פון דער דאָזיגער געגנט האָט ווי געשטעלט אויף די פיס די נאַציאָנאַליטעט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, עס האָט אונטערגעפירט אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער אידישער נאַציאָנאַליטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד."

אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויסגעוואָרצלט דער עצם באָדן פאַר צווישן־נאַציאָנאַלע רייבונגען. פאַרניכטעט די נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איינגעשטעלט ניט בלויז פאָרמעלע, נאָר טאַקע פאַקטישע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג.

די דאָזיגע פולע און פאַקטישע גלייכבאַרעכטיגונג איז פאַרשריבן אינעם גרונט־געזעץ פון דעם לאַנד, אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע.

לאַנגע דורות האָט דאָס אידישע פאָלק געטרוימט וועגן אַן אייגענער מלוכהשאַפט, און די סאָוועטן־מאַכט האָט גערן און פון פולן האַרצן באַפרידיגט די דאָזיגע גערעכטיגע און געזעצלעכע באַגערן פונעם אידישן פאָלק.

דעם 28טן מערץ, 1928, האָט דער פרעזידיום פונעם צענטראַלן

אויספיר־קאָמיטעט פון פסס״ר אויסגעטיילט פאַר אידישער איינ־וואַנדערונג דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אויפן ווייטן מזרח, האָבנ־דיג אין זין, אַז אויב די אידישע איבערוואַנדערונג וועט געבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, קאָן דער דאָזיגער ראַיאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידישן אויטאָנאָמען איינס. אין זעקס יאָר אַרום, דעם 7טן מאַי, 1934, האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פסס״ר אָנגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס וועגן שאַפן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט.

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם אידישן פאָלק, — ווערט געזאָגט אין דער באַשטימונג פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענט־ראַלן אויספיר־קאָמיטעט פאַרן 28טן אויגוסט, 1936, — איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן זיין הייסער וואונטש צו שאַפן אַן אייגן היימ־לאַנד, צו שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפט.״

דרייצן יאָר עקזיסטירט די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. סך־הכל דרייצן יאָר, צווישן וועלכע עס גייען אַריין די פיר שווערע מלחמה־יאָרן, — און ס׳אַרא שלל אַרבעט דאָ איז אָפּגעטאָן גע־וואָרן! אויפן אָרט, וואו פריער איז געווען ווילדע טאַיגע, זיינען אויסגעוואַקסן וואויל־איינגעאָרדנטע ישובים, אונטערנעמונגען, קאָלווירטן, סאָווירטן; מען האָט אויסגעקאָרטשעוועט אוראַלטע ביימער, אויסגעטריקנט בלאָטעס, אויסגעבויט אַ גרויסע שטאָט, אַרבעטער־שטעטלעך, ראַיאָנע צענטערס, וואו עס זיינען געשאַפן געוואָרן און עס אַנטוויקלען זיך אָן אויפהער צאָלרייכע אונטער־נעמונגען און קולטור־אינסטיטוציעס. אויסגעוואַקסן זיינען די מענטשן — סאָוועטישע פּאַטריאָטן: געוועזענע שוסטער, שניידער, קליינהענדלער אַרבעטן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, קאָלווירטן און סאָווירטן, זיי שטייען ביי די רודער פון לאָקאָמאָטיוון, טראַק־טאָרס, קאָמבאַינען.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז צוגלייך מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע מלוכהשע אויסבילדונגען פאַרפיקסירט אין דער סטאַ־לינישער קאָנסטיטוציע — אינעם גרונט־געזעצן פון לאַנד.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז אַ גלייכע צווישן גלייכע אין דער גרויסער ברידערלעכער משפחה מלוכה׳שע איינסן פון די סאָוועטישע פעלקער.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אירע פאָרשטייער אין די העכסטע מאַכט־אָרגאַנען פון לאַנד. זיי, ווי די דעפּוטאַטן פון אַלע

אַנדערע פעלקער פון לאַנד, באַטייליגן זיך אינעם באַהאַנדלען און באַשטעטיגן די וויכטיגסטע מלוכה־געזעצן.

פון דעם אַלעם איז קלאָר, ווי גרויס איז די באַדייטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פונעם אידישן פאָלק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ניט אומזיסט איז די געגנט אַזוי אייגן און טייער די אידישע סאָוועטישע מאַסן, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. ניט אומזיסט שטרעבן זיי אַזוי אַריבער־צוּוואַנדערן אין דער דאָזיגער געגנט. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז ניט אָפּצוטיילן פונעם אידישן פאָלק אין סאָוועטן־פאַר־באַנד: זי איז זיין שטאָלץ, זיין רום, זיין צוקונפט.

●

## וועלכע רייכטימער פאַרמאָגט די געגנט, איר קלימאַט?

די סאָוועטן־רעגירונג האָט פאַר דער אויסבילדונג פון דער אידישער מלוכהשאַפט אויסגעטיילט אַ רייכע געגנט, וואָס פאַרמאָגט גרויסע מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון.

די געגנט איז איינגעטיילט אין פינף אַדמיניסטראַטיווע ראַ־יאָנען — ביראָבידזשאַנער, אָבלוטשיער, סמידאָוויטשער, לענינס־קער און סטאַלינסקער. איר הויפּט־שטאָט איז ביראָבידזשאַן.

דער קלימאַט איז אַ קאָנטינענטאַלער. דער פרילינג הויבט זיך אָן אין דער ערשטער העלפט אַפּריל. אין דער דאָזיגער צייט שטייט אַ זוניג־וואַרעמער וועטער. די צאָל רעגנס — אַ מעסיגע. דער זומער הויבט זיך אָן בערך דעם 15טן מאַי און ער דויערט ביז סוף סעפּטעמבער. די דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור אין די חדשים יולי־אויגוסט איז 70 גראַד וואַרעמקייט. באַזונדערס שיין איז דאָ דער האַרבסט. די חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער זיינען לחלוטין ניט ענלעך אויף האַרבסט־חדשים: עס שטייען זוניגע, טרוקענע טעג. דער הימל — וואונדערלעך־בלוי, די לופט — פריש און דורכזיכטיג. פרעכטיג איז אויך דער ווינטער. די פרעסט דערגייען אין יאַנואַר־פעברואַר ביז 10-12 גראַד, נאָר שטענדיג שיינט דאָרט די זון אינעם אויסגעבלויטן הימל, און די זון איז אַזאַ, אַז אין די גרעסטע פרעסט טריפט פון די דעכער.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די רעגנס. די דורכשניטלעכע צאָל

רעגנדיגע טעג אין יאָר איז אין דער אידישער געגנט קלענער איידער אַפילו אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אויב, למשל, אין מאָסקווע באַטרעפט די דורכשניטלעכע צאָל רעגנדיגע טעג מיט אָפּזאַצן 183 אין יאָר, אין קיעוו — 165, איז אין ביראָבידזשאַן באַטרעפט זי סך־הכל 112. דער אונטערשייד איז דער, וואָס די טעג מיט אָפּ־זעצן פאַלן אויס אין דער געגנט מערסטנטייל אין די זומער־חדשים — יולי־אויגוסט. ס'איז אָבער ווייט ניט קיין כלל, אַז די זומערס זיינען אין דער געגנט רעגנדיגע. דער קלימאַט איז דאָ זייער אַ געזונטער.

די פלאָרע — די געוויקסן־וועלט פון דער געגנט — איז אויסערסט פאַרשיידנאַרטיג. דאָ קאָן מען טרעפן געוויקסן סיי פון דער וואַרעמער, אַפילו פון דער סובטראָפּישער זאָנע, סיי פונעם קאַלטן צפון.

אויך די פאַונע (בעלי־חיים־וועלט) איז אַ בונטע און פאַר־שיידנאַרטיגע. די אַלגעמיינע צאָל בעלי־חיים־מינים, וואָס האָבן אַ געוויערב־באַדייטונג, דערגרייכט ביז 50, פון זיי זיינען שטאַרק פאַר־שפּרייט די רויכוואַרג־מינים.

די געגנט איז רייך אין טייכן. די אַלגעמיינע לענג פון די טייכן באַטרעפט ביי 4,000 קילאָמעטער (2,500 מייל). פון די טייכן דאַרף מען אָנרופן: דעם באַרימטן אַמור, די בירע, קליין־בירע, בידזשאַן, טונגוסקע. אין די טייכן און אָזערעס פון דער געגנט פּרובפּערן זיך איבער 25 מינים פיש.

נאַטירלעכע רייכטימער. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז דער פּערל פונעם ווייטן מזרח. ניט אויסצושעפּן זיינען די נאַטור־אוצרות, וואָס ליגן אויף דער אויבערפלאַך און אין די טיפענישן פון איר ערד. די געגנט פאַרמאָגט גרויסע רעזערוון מאַנגאַן, אייזן־אַרץ, צין, בליי, גראַפּיט, מאַגנעזיט, אַסבעסטאָס, שטיינקוילן, מירמל, קאַלכשטיין, טאָרף און אַנד. די דאָזיגע געפין־ערטער שטעלן מיט זיך פאָר אַ סאָלידע באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָ־ציאַליסטישער אינדוסטריע, פון דער פּראָדוקציע פון בוי־מאַטעריאַלן. די גרויסע וואַלד־מאַסיוון, וואָס באַטרעפן אַן ערך אַ דריטל פון דער גאַנצער טעריטאָריע, גיבן די ברייטסטע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די פּאַפּיר־פּראָדוקציע, געהילץ־כעמיע, האָלץ־באַ־אַרבעטונג. די וואַלד־ווירטשאַפט גיט אומגעהויערע רעזערוון בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער אינדוסטריעלער בויאונג און וואוינונגס־

בוויאונג. די נאַטור האָט אויך באַשאָנקען די געגנט מיט הייסע מינעראַל־קוואַלן. דער וואונדערלעכער קוראָרט קולדור מיט זיינע הייסע הייל־וואַסערן איז באַקאַנט אין גאַנצן לאַנד.

די געאָלאָגישע אויסשפּירונגען אין דער געגנט ווערן פאָר־געזעצט. וואָס ווייטער, ווערן דאָ אַנטדעקט אַלץ נייע און נייע נאַטור־רייכטימער, וועלכע שאַפן אַלע באַדינגונגען צו באַדעקן די געגנט מיט אַ געדיכטער נעץ זאַוואָדן, פאַבריקן, שאַכטעס א. אז. וו.

•

## וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אינדוסטריע פון דער געגנט?

ביי דעם אָנהויב פון דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָ־בידזשאַן איז דאָ, אויסער דעם טונגוסקער געהילץ־זאַוואָד און איינציגע גאָלד־געווערבן, ניט געווען קיין שום אונטערנעמונגען. פאַר די יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אַ ריי זאַוואָדן און פאַבריקן.

פון די וויכטיגסטע אונטערנעמונגען דאַרף מען פריער פאַר אַלץ אָנרופן: דעם קאָמבינאַט „כינגאַן־צין" מיט זיינע אַגלאָמע־ראַציע־פאַבריקן און עלעקטראָ־סטאַנציע, דעם לאָנדאָקער קאַלך־זאַוואָד, וואָס האָט אַ שם אויפן גאַנצן וויטן מזרח מיט זיין הויכ־סאָרטיגער פּראָדוקציע. דער זאַוואָד אַרבעט אויף דער באַזע פון די קאַלך־רייכע סאָפּקעס (בערגלעך).

דער ביראָבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד בילדעט אינאיינעם מיט זיינע 20 צוויי־שטאָקיגע און 23 איין־שטאָקיגע וואוין־הייזער אַ באַזונדער זאַוואָד־שטעטל מיט אַ ריי אייגענע אינסטיטוציעס — אַ שול, אַ שפּיטאָל, אַ פּאָליקליניק, אַ כאָר, אַ קלוב, קינדער־גאָרטן, יאַסליעס (נוירסעריס) א. אז. וו.

דער ביראָבידזשאַנער רעמאָנט־מעכאַנישער זאַוואָד עקזיסטירט שוין אַ ריי יאָרן און דאָך האַלט ער אין איין וואַקסן און פאַר־ברייטערן זיך. מעגלעכקייטן פאַר זיין אַנטוויקלונגען זיינען פאַראַן. ווען די דאָזיגע מעגלעכקייטן דערציילט כאָטשבי דער פאַקט, וואָס דער איבערוואַנדערער פונעם ערשטן נאָך־מלחמהדיגן וויניצער עשעלאָן, ח' טולטשינסקי, האָט פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער

אַרבעט דאָ, אָרגאַניזירט אַ נייעם צעך, וועלכער פאַרנעמט שוין איינס פון די ערשטע ערטער אין זאַוואָד.

די בירעקאַנער פאַפּיר־פאַבריק איז אַן אונטערנעמונג מיט אַן ערשט־קלאַסיגער אויסשטאַטונג. די קאָלאָסאַלער וועלדער־מאַסיוון אין דער אומגעגנט זיינען פאַר איר אַ פעסטע רעזערוו־באַזע.

עס עקזיסטירט אין דער געגנט נאָך אַ ריי וויכטיגע אונטער־נעמונגען, ווי אַ טעקסטיל־קאָמבינאַט, ניי־פאַבריק, שוך־פאַבריק, רעמאָנט־מעכאַנישע וואַרשטאַטן, געגנטלעכע דרוקעריי, ציגל־זאַוואָדן, אושומונער קוילן־שאַכטע, גרעסערע און קלענערע עלעק־טראָ־סטאַנציעס אין פאַרשיידענע צענטערן פון דער געגנט. די אייזנ־באַן־דעפּאָען אויף די סטאַנציעס אָבלוטשיע און „אין" און אַנדערע. חוץ דעם, פונקציאָנירן ניט ווייניג אונטערנעמונגען און וואַר־שטאַטן פון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע און אָרטיגער אינדוסטריע.

עס בויען זיך נייע אונטערנעמונגען, און זייער וויכטיגע. דער דערמאָנטער קאָמבינאַט „בינגאַן־צין", וואָס אַרבעט שוין, קאָן אָבער אין פולן זין פון וואָרט אָנגערופן ווערן ניי־בויאונג.

דער צעמענט־זאַוואָד, וואָס בויט זיך אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע „טיאָפּלאָיע אָזעראָ", איז דער צווייטער אויפן ווייטן מזרח. ער קומט אויף אינעם ראַיאָן פון רייכע קאַלך־סאָפּקעס און ווערט אויסגעשטאַטעט מיט דער נייסטער טעכניק. חוץ די פיל־צאָליגע זאַוואָד־קאָרפּוסן, בויט מען דאָ אַן אייגענע דעפּאָ, עלעק־טראָ־סטאַנציע, וואָס וועט באַדינען דעם זאַוואָד גופא און די אַרומיגע ישובים. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בויאונג פונעם זאַוואָד, שטייט פאַר אַ גרויסע פערספּעקטיוו אויך פאַר דער איצט־קליינינקער אייזנבאַן־סטאַנציע „טיאָפּלאָיע אָזעראָ".

אויף דער באַזע פונעם צעמענט־זאַוואָד איז פאַראַן אַלע מעג־לעכקייטן פאַרן אויפקום פון אַ נייער שטאָט מיט פיל קלענערע און גרעסערע געווערב־אונטערנעמונגען.

איינע פון די וויכטיגסטע בויאונגען, וואָס וועט זיך אָנהויבן גאָר אינגיכן — אין 1948 — איז דער זאַוואָד פון סטאַנדאַרטע הייזער. דער דאָזיגער זאַוואָד וועט באַדייטנדיג מיטהעלפן לייזן די פּראָבלעם פון הייזער־בויאונג, וואָס איז איצט אַ באַזונדערס וויכטיגע פּראָבלעם אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרלאַנג פון טויזנטער אידן אַריבערצוואַנדערן אין דער געגנט.

# צי זיינען פֿאַראַן געווערב־אַרטעלן?

אין 1930 זיינען אין ביראָבידזשאַן אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע 10 אַרטעלן (קאָאָפּעראַטיוון), וואו ס'האָבן געאַרבעט אינ־גאַנצן 570 מענטשן. דער הויפּט־פּראָפיל פֿון די אַרטעלן איז געווען: שניידעריי, שוסטעריי, האָלץ־באַאַרבעטונג און מעבל־פּראָדוקציע.

זינט יענער צייט האָט דאָס אויסזען פֿון דער געווערב־קאָאָפּע־ראַציע זיך שאַרף געענדערט. עס איז ניט בלויז באַדייטנדיג אויס־געוואַקסן די צאָל אַרטעלן, נאָר עס זיינען צוגעקומען אַרטעלן, וועלכע לאָזן אַרויס אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זיינען דאָ פֿריער ניט אויסגעאַרבעט געוואָרן: מעטאַל־אַרטיקלען, דיקט, קאַלך, פֿאַר־שיידענע מינים בערשטלעך, שפּילצייג, טשעמאָדאַנעס, בוי־פּאַקליע, מירמל, וועגענער, שליטנס, גוטאַלין, קאַנצעלאַריע־מכשירים, ספּאָרט־אינווענטאַר, זייף, פּעסער, קנעפּלעך, טריקאָטאַזש, סקיפּי־דאַר, דזעגעכץ א. אַז. וו.

שוין אין 1941 האָבן אין דער געגנט פֿונקציאָנירט 35 אַרטעלן מיט טויזנטער אַרבעטער.

אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן מערקט זיך אַ ווייטערדיגער וואוקס פֿון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע.

אַרטעלן ביי דער געווערב־קאָאָפּעראַציע עקזיסטירן ניט בלויז אין די שטעט, נאָר אויך אין די ראַיאָנע צענטערן און אַרבעטער־ישובים פֿון דער געגנט. דער הויפּט־ציל פֿונעם אָרגאַניזירן די אַרטעלן אין די ראַיאָנען איז — זיכערן די נאָרמאַלע שטייגערישע באַדינונג פֿון דער אָרטיגער באַפֿעלקערונג, ווי אויך אויסנוצן דאָס אָרטיגע רוּוואַרג פֿאַר דער פּראָדוקציע פֿון פֿאַרשיידענע אינדוס־טריעלע און שטייגערישע אַרטיקלען.

די געווערב־קאָאָפּעראַציע פֿון דער געגנט לאָזט איצט אַרויס פּראָדוקציע מיט אַן אַסאָרטימענט פֿון 17 נעמען.

ביי אַלע אירע דערגרייכונגען, האָט די געווערב־קאָאָפּעראַציע פֿון דער געגנט אָן אַ שיעור גרעסערע מעגלעכקייטן פֿאַר ווייטערדיגן וואוקס. אויפֿן טאָג־סדר שטייט, למשל, די פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן וועבער־אַרטעלן און אַנדערע. דער איינציגער באַדינג פֿאַרן וואוקס פֿון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע איז די איינוואַנדערונג פֿון אַ גע־נוגנדיגער צאָל קוסטאַרן (באַלמעלאָכעס) פֿון אַלע פּראָפֿעסיעס.

# ווי אַזוי אַנטוויקלט זיך די לאַנדווירשאַפט?

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אַלע נויטיגע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג ניט בלויז פון דער אינדוסטריע, נאָר אויך פון דער לאַנדווירטשאַפט. ערד איז פאַראַן איבערגענוג. די קלי־מאַטישע באַדינגונגען זיינען זייער גינסטיג. די גערעטעניש איז גאַראַנטירט פון פאַרטריקעניש. אין דער געגנט, וואָס געפינט זיך אויף דער זעלבער געאָגראַפישער ברייט, ווי די געגנטן פון אוקראַינע און ביי־וואָלגע, וואַקסן כלערליי מינים תבואה־קולטורן. די פירנ־דיגע זיינען: ווייץ, האָבער, סאָיע, קאַרטאָפל, גרינוואַרג. מיט דער־פאָלג אַנטוויקלט זיך דאָ די סעדעריי.

היינט צו טאָג פונקציאָנירן אין דער געגנט צענדליגער קאָל־ווירטן, אַ גאַנצע ריי סאָווירטן. די קאָלווירטן ווערן באַדינט דורך די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס. דער פאַרק פון לאַנדווירטשאַפט־לעכע מאַשינען וואַקסט אָן אויפהער. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די לעצטע יאָרן איז דער טראַקטאָרן־פאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן כמעט אין 6 מאָל, דער קאָמבאַינען־פאַרק — אין 40 מאָל. העכער 90 פראָצענט פון אַלע פעלד־אַרבעטן ווערן איצט דורכגעפירט מיט מאַשינען.

עס וואַקסט כסדר אויך דער פאַרזיי־שטח, נאָר באַזונדערס גרויס איז דער דאָזיגער וואוקס געווען אינעם לעצטן יאָר. די קאָל־ווירטן פון דער געגנט האָבן אין דעם פראַט האַיאָר איבערגעשטיגן דעם פאַר־מלחמה־ניוואָ. אַזוי, למשל, איז דער פאַרזיי־שטח אין סמידאָוויטשער ראַיאָן אויסגעוואַקסן אין 1947 אויף 52 פראָצענט לגבי 1940, אין בירעבידזשאַנער ראַיאָן — אויף 50 פראָצענט, אין אָבלוטשיער — אויף 19 פראָצענט. די גאַנצע אַרבעט אויף די פעלדער איז האַיאָר דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ הויכן אַגראָ־טעכנישן ניוואָ; מענטשן האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי אויסצוכאָוען אַ רייכע גערעטעניש.

דער קאַמף פאַר אַ גרויסער גערעטעניש איז ניט געגאַנגען לאיבוד. אין דער געגנט אינגאַנצן גענומען איז האַיאָר די גע־רעטעניש אַ העכערע, איידער אינעם פאַר־מלחמהדיגן יאָר 1940. די לאַנדווירטשאַפטלעכע גרונט־ראַיאָנען פון דער געגנט האָבן איבערגעשטיגן די אָנגעמערקטע גערעטעניש־פּלענער. די פאָרגע־שריטענע קאָלווירטן אין סטאַלינסקער ראַיאָן און אין סמידאָ־

וויטשער ראַיאָן האָבן איינגעקליבן צו 12 צענטנער תבואה פון העקטאַר ((17½ בושעל פּער אַקער) אויף זייער גאַנצן פּאַרזיי־שטח. דער קאָלווירט אויף קיראָווס נאָמען (לענינסקער ראַיאָן) — צו 13 צענטנער ווייץ פון העקטאַר אויפן גאַנצן פּאַרזיי־שטח און צו 150 פּוד פון העקטאַר אויף אַ שטח פון 40 העקטאַר (36 בושעל פּער אַקער). באַזונדערע רינגען האָבן דערגרייכט נאָך העכערע ציפערן — צו 150 און 185 פּוד ווייץ פון העקטאַר.

די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די קאָל־ווירטן, זיינען געוואָרן אמת'ע באַלעבאַטים, פּאַרפונדעוועטע פּויערים, וואָס באַציען זיך מיט ליבע צו דער ערד־אַרבעט. ניט ווייניג אידישע קאָלווירטניקעס זיינען באַרימט אינעם גאַנצן כאַ־באַראָווסקער ראַיאָן מיט זייער מסירת־נפשדיגער מי אויף די סאָציאַליסטישע פעלדער. די יוגנטלעכע בריגאַדע פון ליובע טקאַטש פונעם קאָלווירט אויף טשקאַלאָווס נאָמען און באַסיע זייצעוואַ פונעם קאָלווירט „רויטער שטערן" האָבן באַקומען צו 108 פּוד ווייץ פון העקטאַר אויף אַ שטח פון 10 העקטאַר יעדע. די בריגאַדע פונעם דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פסס"ר שפרה קאָ־טשינע פונעם קאָלווירט „וואַלדהיים" (ביראָבידזשאַנער ראַיאָן) האָט אויסגעכאָוועט צו 2,400 פּוד קרויט פון העקטאַר אויף אַ שטח פון 4 העקטאַר, און ביילע פּאַרכינע'ס רינג פון ח'טע קאָ־טשינע'ס בריגאַדע — צו 3,000 פּוד קרויט פון העקטאַר אויף אַ שטח פון 2 העקטאַר. (אַ פּוד איז 36 אַמעריקאַנער פונט.)

די לאַנדווירטשאַפט פון דער געגנט איז אַ זיכערער און פעסטער אָנשפּאַר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער מלוכהשאַפט. אירע האַרמאָניגע דערפּאָלגן וועלן אין אַ באַדייטנדיגער מאָס מיט־העלפן דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג און וואוקס פון דער אידי־שער אויטאָנאָמער געגנט.

•

## אין וואָס פאַר צושטאַנד געפינט זיך די פּי־צוכט, דער פישפאַנג און די בינענצוכט?

פּיצוכט. די זאַפטיגע פּאַשע־לאָנקעס, מיט וועלכע די געגנט איז זייער רייך, שאַפן גרויסע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען דאָ די פּיצוכט. אין דער געגנט איז ניטאָ קיין איין קאָלווירט, קיין איין

סאָווירט, וואָס זאָל ניט האָבן אייגענע פערמעס. העכער אַ פערט־חלק פון אַלע קאָלווירטן פאַרמאָגן צו פיר פערמעס, 62 פּראָצענט — צו דריי. דאָס זיינען פערמעס פון 300 ביז 600 שטיקלעך פי. אויסער דעם, זיינען אין דער געגנט פאַראַן ספּעציעלע פערמעס פאַר ראַסן־קי, וועלכע זיינען באַרימט אינעם גאַנצן כאַבאַראָווסקער ראַיאָן און וואו די קאָלווירטן קויפן איין יונג־פי, כדי צו פאַרבעסערן די ראַסעוודיגקייט פון זייערע טשערעדעס. די פּראָדוקטיווקייט פון די קי איז אַ גאַנץ הויכע: אין דורכשניט גיט אַ קו צו 2,170 ליטער מילך אַ יאָר, איינציקע — 3,500 ליטער. (אַ ליטער איז עטוואָס מער ווי אַ קוואַרט.)

ניטאָ אין דער געגנט קיין איין אַלטער קאָלווירטניק, וואָס זאָל ניט האָבן קיין אייגענע קו. אויך פיל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון שטאָט און דאָרף האָבן אייגענע פי.

די קלימאַט־ און באָדן־באַדינגונגען פון דער געגנט זיינען זייער גינסטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון שאָף־צוכט. די צאָל שאָף אין דער געגנט האָט די לעצטע יאָרן זיך פאַרגרעסערט אויף 48 פּראָצענט. עס מערט זיך אויך די צאָל עופות־פערמעס.

פישפאַנג. אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט פליסן ביי 200 טייכן און טייכלעך, וואָס זיינען רייך מיט פאַרשיידענע מינים פיש: קאַרפּ, נעלמע, קעט, קאַרעס, העכט א. אז. וו. די פיש אין די וויט־מזרחדיגע טייכן זיינען כאַראַקטעריסטיש מיט זייער גרייס און וואָג. עס טרעפן קאַרפּן, וואָס וועגן ביי אַ פוד. נעלמעס — פון אַנדערהאַלבן פוד. מען קאָן דאָ אויך באַגעגענען אַ סאָם, וואָס וועגט ביי פיר פוד.

די קאָלווירטן און ישובים, וואָס ליגן נאָענט פון אַ טייך, פאַרנעמען זיך אינטענסיוו מיט פישפאַנג. אויסער דעם, זיינען אין דער געגנט אָרגאַניזירט ספּעציאַליזירטע פישער־קאָלווירטן, וועלכע געפינען זיך ביי די ברעגן פון אמור, בירע, טונגוסקע. עס פונקציאָנירט אויך אַ ספּעציעלער פישצוכט־זאַוואָד.

בינענצוכט. אין דער געגנט איז זעלטן צו געפינען אַ קאָלווירט, וואָס זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט בינענצוכט. דערצו ווירקט מיט די שפע פאַרשיידנאַרטיגסטע האָניג־טרעגער־געוויקסן: לינדנבוים, קליאָן, סאַמעטבוים, אַמורער ווייַנטרויבן. די אַבסאָלוטע מערהייט קאָלווירטן האָבן פאַסעקעס מיט טויזנטער בינען־משפחות. די בעסטע בינענציכטלער פון בירער בינען־סאָווירט זיינען פון די

קאָלווירטישע פּאַסעקעס באַקומען צו 60־70 קילאָגראַם האָניג פון יעדער בינען־משפּחה.

דער קאָלווירט אויף סטאַלינס נאָמען (סטאַלינסקער ראַיאָן), אַשטייגער, האָט האַיאָר באַקומען פון זיינע בינשטאָקן 60 טאָן האָניג.

.2

# אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד געפינט זיך דאָס קולטור־לעבן פון דער געגנט?

אינאיינעם מיטן עקאָנאָמישן וואוקס פון דער געגנט וואַקסט אויך איר קולטור.

אין דער געגנט פונקציאָנירן 132 שולן, צענדליגער אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע, 4 ספּעציעלע לערן־אַנשטאַלטן (אַן אייזנ־באַן־טעכניקום, אַ פּעדאַגאָגישער, אַ מעדיצינישער, אַ טעכניקום פאַר טוער פון קולטור־אויפקלער־אַנשאַלטן), עטלעכע שולן פון דער סיסטעם פון אַרבעטס־רעזערוון, וועלכע גרייטן קאַדרען פאַר דער אינדוסטריע, אייזנבאַן־טראַנספּאָרט און לאַנדווירטשאַפט פון דער געגנט. די דאָזיגע שולן פאַרמאָגן ניט ווייניג הויך־קוואַלי־פיצירטע, טאַלאַנטפולע פּעדאַגאָגן, וועלכע זיינען באַקאַנט ניט בלויז אין דער געגנט, נאָר אויך אין גאַנצן ראַיאָן.

איינער פון די באַדייטנדיגסטע און עלטסטע קולטור־אַנ־שטאַלטן, מיט וועלכן עס גרויסט זיך די אידישע סאָוועטישע קול־טור, איז דער ביראָבידזשאַנער אידישער מלוכה־טעאַטער אויף ל. מ. קאַהאַנאָוויטשעס נאָמען. דער פעסט־צעמענטירטער, הויך־קול־טורעלער און טאַלאַנטפולער קאָלעקטיוו פון אָט דעם טעאַטער האָט אין פאַרלויף פון זיינע 13 יאָר עקזיסטענץ אויפגעפירט ניט איין צענדליג ספּעקטאַקלען לויט די פּיעסן פון די היינטצייטיגע אידישע און רוסישע סאָוועטישע דראַמאַטורגן און פון דער קלאַסיק. צווישן די לעצטע שטעלונגען פונעם טעאַטער באַגעגענען מיר שמואל האַלקינס „שפּיל־פויגל", פּרץ מאַרקישעס „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", לעאָניד לעאָנאָווס „אינוואַזיע". דער טעאַטער גרייט איצט עטלעכע נייע פּיעסן, צווישן זיי די פּיעסע פונעם ביראָבידזשאַנער שרייבער ב. מילער, „ער איז אַ ביראָבידזשאַנער".

אין דער הויפּט־שטאָט פון דער געגנט ביראָבידזשאַן פונקציאָ־

נירט א געגנטלעכע ביבליאָטעק אויף שלום עליכמס נאָמען מיט א ביכער־פאָנד פון בערך 110,000 נעמען — קינסטלערישע, וויסנ־שאַפטלעכע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע ליטעראַטור סיי אין אידיש, סיי אין רוסיש. אייגענע ביבליאָטעקן האָבן אַלע ראַיאָנע צענטערן, אויך יעדער קאָלווירט, פאַבריק און זאַוואָד.

דער ביראָבידזשאַנער מוזיי פאַר אידישער קולטור האָט ערנסטע און ברייטע פערספעקטיוון. ביי דער הילף פון דער גאַנ־צער סאָוועטישער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ער אַלע מעג־לעכקייטן אינגיכן ווערן איינע פון די וויכטיגסטע אידישע סאָווע־טישע קולטור־אינסטיטוציעס פון פאַרבאַנדישן באַדייט.

אין ביראָבידזשאַן אַרבעט אויך א ספּעציעלער געגנט־קענטעניש מוזיי.

אין דער געגנט דערשיינען צוויי צייטונגען—„ביראָבידזשאַנער שטערן” און „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ”. עס ווערט אַרויס־געגעבן א פּעריאָדישער אידישער ליטעראַריש־קינסטלערישער אַל־מאַנאַך — „ביראָבידזשאַן”.

ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט א פּרעכטיגן קינאָ־טעאַטער. חוץ דעם עקזיסטירן אין דער געגנט 27 סטאַציאָנאַרע קינאָ־טעאַטערס און 10 באַוועגלעכע קינאָ־איינריכטונגען. די אַרבעטנדיגע פון דער געגנט זעען די נייסטע סאָוועטישע קינאָ־פילמען.

אין דער געגנט פונקציאָנירט א היפּשע נעץ קולטור־אַנשטאַלטן: 22 קלובן, 6 קולטור־הייזער, 44 לייען־שטיבלעך, 15 ראַדיאָ־קנופּן.

אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט פונקציאָנירן 14 שפּי־טאָלן, 30 אַמבולאַטאָריעס, 50 מעדיצינישע פונקטן, 20 יאַסליעס (נוירסערים), א סטאַנציע פאַר גיכער הילף, א טובערקולאָז־סאַנאַ־טאָריע פון נאַכט־טיפּ, א סטאַנציע פאַר בלוט־איבערגיסונג, א מאַ־לאַריע־סטאַנציע, א סאַניטאַריש־באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, א רענטגען־קאַבינעט, א פיזיאָטעראַפּעטישער קאַבינעט און אַנד.

•

## ווי זעט אויס די שטאָט ביראָבידזשאַן?

„שטאָט אין גרינס” — דאָס איז די סאַמע טרעפלעכע כאַראַק־טעריסטיק פאַרן אויסזען פון ביראָבידזשאַן. די גאַסן טוקן זיך ממש אין גרינס.

באַלד ווי דער פּאַסאַזשיר גייט אַרויס פונעם וואָקזאַל, דערזעט ער זיך צווישן צוויי סקווערן, וואָס נעמען ווי אַרום מיטביידע הענט אַ הויכן און ווייסן מויער — דעם שטאַטישן האָטעל. די לענין־גאַס (די צענטראַלע) איז דורכגעשניטן מיט אַ לאַנגן, ציכטיקן, פּיל־ביימערדיקן סקוועד. ווי אַן אייגנאַרטיקער גרינוואַלדיקער אינזל, אַרומגערינגלט מיטן ראַשיקן בירע־טייך, זעט אויס דער שטאָטישער פּאַרק פֿאַר קולטור און אָפּרו, איינס פון די שענסטע ערטער אין ביראָבידזשאַן. ווען די ערשטע איינוואַנדערער פון דער געגנט האָבן געקאָרטשעוועט די טאַיגע און פאַרלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט פאַרן ערשטן ביראָבידזשאַנער הויז, האָבן זיי בכיוון איבערגעלאָזט אָט דעם פּלאַץ, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט דער בירע, כדי שאַפן דאָ אַ פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו. אין דעם געדיכט־באַפּעלקערטן און באַלעבטן אַרום זעט איצט אויס באַזונדערס פּרעכטיג אָט דאָס שטיק געוועזענע טאַיגע, מיט פיינע אַלייעס, באַגאָסן מיט עלעקטרי־שער שיין, מיט פאַרשיידענע קולטור־ און פאַרוויילונגס־ערטער, וואוהין ביראָבידזשאַנער איינוואוינער קומען אָפּרוען זיך אין גע־דיכטעניש פון וואַלד, זיך באָדן אין דער בירע, אָדער פאַרוואַרפן די פישער־ווענטקע אינעם בלויען טייך.

ביראָבידזשאַן איז אַ שטאָט מיט צוויי־שטאָקיגע און דריי־שטאָקיגע הייזער. די מערהייט צוויי־שטאָקיגע הייזער זיינען היל־צערנע. נאָר אינעווייניג זיינען זיי אויסגעטינקעוועט אַזוי, אַז מען באַמערקט ניט, אַז זיי זיינען הילצערנע. די דריי־שטאָקיגע הייזער זיינען מויערן. דאָס זיינען אין דער מערהייט געזעלשאַפטלעכע געביידעס (דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער אַלקפּ(ב) און -דער געגנטלעכער אויספיר־קאָמיטעט, דער שטאָט־סאָוועט, טעאַטער, וואָקזאַל, די שפּיטאָלן, שולן).

באַזונדערס שיין איז דער צענטער פון שטאָט אָוונט־צייט, ווען אויף די טראָטואַרן באַוויזט זיך די יוגנט מיט איר געלעכטער און פרייד. די הייזער קוקן אויף אייך מיט גרויסע פענצטער, פון וואַנען עס שטראָמט עלעקטרע־שיין. אויב דער אָוונט איז אַ ליכטיגער, איז שווער אָפּצורייסן די אויגן פון די פּרעכטיגע סאָפּקעס, קלענערע און גרעסערע, נעענטערע און וועיטערע, וואָס קייטלען אַרום די שטאָט.

די הייזער, וואָס געפינען זיך אויף די קלענערע גאַסן, און אין די פאָרשטעט, זיינען אַרומגערינגלט מיט גרינע גערטנער. יעדער

איינוואוינער פון שטאָט האָט אַ מעגלעכקייט צו האָבן ביי דער שטוב אַן אייגענעם גאָרטן (דאָ וואַקסט גוט קאַרטאָפל, קרויט, פּאָמידאָרן, ציבעלעס און אַנדערע גרינוואַרג). ביי דער שטוב קאָן מען אויך האַלטן הינער, אַ בהמה. אַ שטאַל איז פאַראַן, און פיטער פאַר די בעלי־חיים פעלט ניט אוים. פיל שטאָטישע איינוואוינער האָבן זיך פאַרפירט אַ גאַנץ סאָלידע ווירטשאַפט, און דאָס גיט אַפילו צו ביראָ־בידזשאַן אַ באַשטימטן קאָלאָריט.

די מערהייט פאַבריקן און זאַוואָדן געפינען זיך אין די פאַר־שטעט, גאָר ניט ווייט פון צענטער. בלויז דער וועגענער־זאַוואָד און דער רעמאָנט־מעכאַנישער זאַוואָד געפינען זיך 3-4 קילאָמעטער פון שטאָט. מיטן צענטער זיינען זיי פאַרבונדן דורך אַ רעגולערער אויטאָבוסן־ליניע.

מען וואָלט נאָך געקענט דערציילן וועגן פיל שיינע ווינקעלעך פון ביראָבידזשאַן, וועגן אַ ריי פּרעכטיגע הייזער, וועגן דעם טייך בירע, וואָס רוישט טאָג און נאַכט הינטערן פענצטער. נאָר אַלץ באַשרייבן איז ניט לייכט, בעסער איז אַליין אָראָפּקומען אַהין און זען מיט די אייגענע אויגן, ווייל שיינקייט נעמט יעדער איינער אויף און לעבט איבער אויף זיין אופן.

# ווי אַזוי לעבן אין דער געגנט די אַלטע איבערוואַנדערער?

„אַלטע איבערוואַנדערער" — אַזוי רופט מען אין דער געגנט די, וועלכע זיינען אַהער געקומען אין די יאָרן 1928—1931, ווען ביראָבידזשאַן האָט זיך נאָך גערופן טיכאָנקע. דאָס זיינען די פּיאָנערן פון דער געגנט, וועלכע האָבן די ערשטע אָנגעהויבן קאָר־טשעווען די טאַיגע און בויען הייזער, ישובים. נאָר יענע, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אַהער שפּעטער, זיינען אויך ניט געקומען אויף אַלעם גרייטן, אַזוי, אַז ס'איז שווער דורכצופירן אַ גענויע גרענעץ צווישן דעם באַגריף „אַלטער" און „נייער". פאַרשטייט זיך, די, וואָס וואוינען דאָ לענגער, זיינען שטייגעריש בעסער איינ־געאָרדנט. נאָר פאַראַן אַ היפּשע צאָל נאָך גאָר נייע איינוואַנדערער, וואָס לעבן שוין ניט ערגער, ווי די תושבים. דער, וואָס אַרבעט געטריי, אָרנטלעך, יענעם לעבט זיך גוט.

יעדער איינוואַנדערער האָט דאָ געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ קוואַליפיקאַציע לויט זיין גוסט. דער געוועזענער בערדיטשעווער באַלעגאָלע יכיאל ראַק האָט געוואָלט ווערן אַ טראַקטאָריסט, האָט ער עס דאָ דערגרייכט. ער איז איצט איינער פון די בעסטע און חשובסטע טראַקטאָריסטן פון דער געגנט. יאַנקל בליאַכער, דער פאָרזיצער פונעם פאָרגעשריטנסטן בירעבידזשאַנער אַרטעל „מעטאַליסט", איז אין טשערקאַס געווען אַ טרעגער. דאָס געוועזענע בעקער־אינגל וואָנדראָוו איז איצט שעף פונעם בירעבידזשאַנער וואָקזאַל. דער קאָלווירטניק לייב רעזניק פון קאָלווירט „וואַלדהיים" איז דאָ געוואָרן אַ באַרימטער מיטשורינעץ. דער געוועזענער בערדיטשעווער באַלעגאָלע מאָטיע רויטמאַן איז אַ חשובער מאַשיניסט אויף דער אייזנבאַן. מיר האָבן דאָ אָנגערופן בלויז עטלעכע נעמען, מען קאָן זיי אָבער אָנרופן ניט אין די צענדליגער, נאָר אין די הונדערטער.

יעדער איינער פון די אַלטע תושבים, וואו ער זאָל ניט וואוינען, אין שטאָט צי אין דאָרף, האָט ער אַ גוטע דירה, מערסטנטייל פון צוויי־דריי צימערן; אַן אייגענע ווירטשאַפט — אַ גאָרטן, אַ קו, עופות; אייניגע האָבן פאַרפלאַנצט סעדלעך, פון וועלכע זיי זאַמלען עפּל, באַרן, פלוימען א. אז. וו. די וואוינונגען זיינען אויסגעשטאַט מיט שיינעם בירעבידזשאַנער מעבל.

דער פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער איז אָפּהענגיג פון דער קוואַליפיקאַציע. מאַשיניסטן אויף דער אייזנבאַן פאַרדינען צו דריי און פיר טויזנט רובל אַ חודש. דער בלעכער פונעם אַרטעל „מעטאַליסט", ערלעכמאַן, אַן איבערוואַנדערער פון יאָר 1932, פאַרדינט ביז 2,000 רובל אַ חודש. דער אומאַנער וועלוול צווילי־קאָווסקי, אויך אַ בלעכער, פאַרדינט ביז 3,000 רובל אַ חודש. דעם שוסטער פון בירעבידזשאַנער אַרטעל „נייער וועג" יהודה קישעל, דעם שניידער פון דער ניי־פאַבריק משה כאַשטשעוואַצקי רופט מען „די בירעבידזשאַנער נגידים". אַזוי הייסן דאָ יענע אַלטע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן פון די ערשטע טעג פון זייער קומען אהער געקוקט אויף דער געגנט, ווי אויף זייער שטענדיגער היים. זיי האָבן זיך אויסגעבויט אייגענע הייזער, פאַרפלאַנצט סעדלעך, פאַרפירט אַ ווירטשאַפט און זיינען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער אַרבעט. און דער, וואָס אַרבעט סטאַכאַנאָוויש, לעבט פאַרמעגלעך.

פאַרמעגלעך לעבן אויך די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך

באַזעצט אין די קאָלווירטן. שוין אין משך פון אַ ריי יאָרן, ווי די מיטגלידער פונעם קאָלווירט „20 יאָר אָקטאָבער" באַקומען אויף אַן אַרבעטס־טאָג, אויסער תבואה, צו 2 קילאָגראַם קאַרטאָפל, אַנדערהאַלבן קילאָגראַם גרינוואַרג, אַ האַלבע קילאָ יאַגעדעס, האָניק און 25 רובל געלט. אַזוינע משפחות, ווי קאַצעוו, זאַקמאַן, דאָנאָוו, באַרג און פיל אַנדערע, וואָס אַרבעטן אויס פאַר אַ יאָר צו טויזנט און מער אַרבעטס־טעג, באַקומען פאַר זייער מי אַ הויכן לוין. חוץ דעם, האָט יעדער קאָלווירטניק אַן אייגענע קו, הינער, שאָף, אַ גאָרטן. איינציגע קאָלווירטניקעס האָבן אַפילו צו צוויי קי. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די קאָלווירטן „וואַלדהיים", „רויטער אָקטאָבער", „ניי־לעבן", קאָלווירט אויפן נאָמען פונעם 18טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און צענדליגער אַנדערע. (אַ קילאָ איז 2 מיט אַ פינפטל פונט.)

די אַלטע איבערוואַנדערער, מענטשן, וואָס האָבן דאָ דורכגעמאַכט אַלע שוועריגקייטן פון באַהערשן די געגנט, לעבן קולטורעל, פאַרמעגלעך, ווי זיי האָבן עס ערלעך פאַרדינט מיט זייער איבערגעגעבענער מי.

•

## ווי אַזוי האָבן זיך איינגעאָרדנט די נייע איבערוואַנדערער?

אַלע איבערוואַנדערער האָבן באַקומען וואוינונגען, איינציגע שטוב־חפצים, ווי אויך קליידונג לויט מלוכה־פרייזן. יענע, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די קאָלווירטן, האָבן אין דער מערהייט באַקומען אַ שטוב מיט אַ גאָרטן.

סיי אין די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, סיי אין די קאָלווירטן האָט מען די נייע איינוואַנדערער אַרויסגעגעבן אַוואַנסן (אין געלט און פּראָדוקטן) ביזן באַקומען דאָס ערשטע פאַרדינסט.

בעסער פון אַלץ זעען אויס די וואוינונגען פון יענע איינוואַנדערער, וועלכע האָבן מיטגעפירט מיט זיך פאַרשיידענע שטוב־זאַכן, מעבל, בעטגעוואַנט א. אַז. וו. עס איז דאָך קלאָר, אַז די אויפנעם־אָרגאַניזאַציעס פון דער געגנט קאָנען די ערשטע צייט באַזאָרגן דעם איינוואַנדערער בלויז מיט די סאַמע נויטיגע זאַכן, נאָר ניט מיט אַלץ, וואָס פאָדערט זיך אין אַ שטוב, אין אַ באַלע־

באַטישקייט. דאָס איז, נאַטירלעך, די זאַך פון יעדן איבער־וואַנדערער באַזונדער.

ביים פאַנאַנדערטיילן די איינוואַנדערער אויף אַרבעט, האָט די אויפנעם־קאָמיסיע זיך גערעכנט סיי מיטן פאַרלאַנג פונעם מענטשן, סיי מיט די באַדערפענישן פון דער געגנט.

אין די הונדערטער בריוו צו קרובים און פריינט אין די אַלטע היימען שרייבן די נייע איינוואַנדערער: „פאָלגט נאָך אונזער ביישפּיל, קומט צו פאָרן אין דער געגנט. דאָ בויט זיך אַ ניי לעבן. מענטשן זיינען דאָ מיט גאָלד גלייך.”

•

## וועלכע פּערספּעקטיוון האָט די געגנט פאַר איר ווייטערדיגער אַנטוויקלונג?

פון דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן דערציילט ביז איצט, איז צו זען, אַז די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אומגעהויערע פּערספּעקטיוון פון ווייטערדיגער אַנטוויקלונג, און גראָד פאַר אַ שנעלער אַנטוויקלונג אין אַ באַשטימטער ריכטונג — אין דער ריכטונג פון פאָרסירטער אינדוסטריאַליזירונג, ביים גלייכצייטיגן וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אויף דער באַזע פון די קאָלאָסאַלע נאַטור־רייכטימער קאָנען און וועלן דאָ אין דער נאָענטער צוקונפט אויסוואַקסן אַ סך נייע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די מאַסיוון וואַלד מיט כל־המינים ווערטפולע ביימער בילדן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל רוי־שטאָף פאַר דער כסדרדיגער אַנטוויקלונג פון דער וואַלד־אינדוסטריע און אַלע אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע זיינען אַזוי אָדער אַנדערש מיט איר פאַרבונדן, ווי, אַשטיינער, די בוי־אינדוסטריע, די אינדוסטריע פון בוי־מאַטעריאַלן א. אַז. וו. וואָס אָנבאַלאַנגט גופא דער אינדוסטריע פון בוי־מאַטעריאַלן, וועלכע וועט מיט דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער בויאונג שפּילן אַלץ אַ וויכטיגערע ראָלע, פאַרמאָגט זי, פון איר זייט, אומגעהויערע רעזערוון רוי־וואַרג — צעמענט, קאַלך, ליים, מירמל א. אַז. וו., א. אַז. וו., וואָס וועלן קלעקן אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרצענדליגער.

די טעריטאָריע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט ליגט

הארט ביי דער גרויסער אייזנבאַן־מאַגיסטראַל מאָסקווע—וולאַדי־וואָסטאָק; אויף אַ היפּשער שטרעקע ווערן אירע ברעגן באַשווענקט דורך די וואַסערן פונעם מעכטיגן טייך אַמור; אירע אינערלעכע טייכן ציען זיך אויף הונדערטער קילאָמעטער ווייט. דאָס אַלץ שאַפט פאַר דער אינדוסטריע פון דער געגנט באַזונדערס גינסטיגע און ביליגע טראַנספּאָרט־באַדינגונגען.

די טייכן פון דער געגנט זיינען רייך מיט כלערליי מינים און סאָרטן פיש — הייסט עס, אַז אויך די פיש־אינדוסטריע האָט דאָ אַ גלענצנדיגע צוקונפט.

פילאַרטיג זיינען די פּערספּעקטיוון פון דער לאַנדווירטשאַפט. אויסער די שווין־באַהערשטע ערדן, פאַרמאָגט די געגנט קאָלאָסאַלע ערד־שטחים, וועלכע טויגן פאַר לאַנדווירטשאַפט, און וועלכע וואַרטן נאָך, אַז דעם מענטשנס האַנט זאָל זיך פאַר זיי אַ נעם טאָן: אין איינציגע ערטער אויסקאָרטשעווען די טאַיגע, אין אַנדערע דורכפירן די נויטיגע מעליאָראַציע־אַרבעטן און גלייכצייטיג קולטיווירן אַזעלכע געוויקסן, וועלכע האָבן ליב אַ פייכטן באָדן, ווי, אַשטייגער, רייז (אַ קולטור, וואָס ווערט אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זיכער האָבן אַ גרויסע צוקונפט). אויף דער זעלבער באַזע עפענען זיך אַלץ רייכערע פּערספּעקטיוון פאַר דער וויטערדיגער אַנטוויקלונג אויך פון פי־ און עופות־צוכט, בינען־צוכט, גאָרטן־ און סאַד־צוכט. צוזאַמען מיט די גרויסע רויכוואַרג־רעזערוון פון דער טאַיגע שאַפן זיי אַן אויסערסט גינסטיגע באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג און וואוקס פון דער לייכטער אינדוסטריע בכלל און פון דער שפּייז־אינדוסטריע בפרט.

די נייע צענדליגער און הונדערטער גרעסערע און קלענערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, די נייע קאָלווירטן, סאָווירטן און מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, די נייע פיצוכט־ און מילך־פערמעס וועלן באַשעפטיגן נייע צענדליגער טויזנטער מענטשן — אַרבעטער, אינזשענער־טעכנישע טוער, קאָלווירטניקעס, טראַקטאָריסטן, קאָמבאַינערן, פיציכטלער און אַנדערע. אויף אָט דער באַזע וועט אויסוואַקסן די שול־נעץ, וועלן אויסוואַקסן נייע קולטור־אַנשטאַלטן, עס וועט וואַקסן די צאָל באַפעלקערונג אין די אַלטע ישובים, אויפקומען וועלן נייע ישובים, דערפער און שטעט, פול מיט אַן אינטענסיוו זאַט און קולטורעל לעבן.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אַלע מעגלעכקייטן פאַר־

וואַנדלט צו ווערן אין איינעם פון די סאַמע בליענדיגסטע ווינקלען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

•

## צי האָבן די יוגנטלעכע די מעגלעכקייט צו לערנען און פאַרפולקומען זיך?

די פונקציאָנירנדיגע אונטערנעמונגען, קאָלווירטן, אַרטעלן און אַנשטאַלטן, ווי אויך יענע, וואָס בויען זיך, פילן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַ גרויסן דוחק אין מענטשן פון די פאַרשיידנסטע פּראָפעסיעס. דערפון איז קלאָר, אַז יעדער יוגנטלעכער, וואָס קומט אַהער, האָט אַלע מעגלעכקייטן צו גיין אויף אַזאַ אַרבעט, וואָס אַנטשפּרעכט זיין גייסט און נייגונג, פאַרפולקומען זיך, העכערן זיין קוואַליפיקאַציע, און אויב ער האָט נאָך ניט קיין שום פאַך — אויס־לערנען זיך דעם פאַך, וועלכן ער פאַרלאַנגט. אַלע באַדינגונגען דערצו זיינען דאָ געשאַפן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די מעגלעכקייטן צו שטודירן, פונקציאָנירן אין דער געגנט אַ ריי טעכניקומס. עס ווערט אויך געשטעלט די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אין דער געגנט אין דער נאָענטער צייט איינינגע הויך־שולן (קאַלעדזשעס).

•

## אין וועלכע פּראָפעסיעס נויטיגט זיך די געגנט?

די געגנט וואַקסט. די געגנט בויט זיך. די געגנט איז אָנגעטאָן אין רישטעוואַניעס. עס פעלן אָבער מענטשן, עס פעלן אַרבעטס־הענט. אָנהויב 1947 האָט די געגנט אויפגענומען צוויי עשעלאָנען איבערוואַנדערער פון וויניצער געגנט. אַלע האָבן זיך גוט איינגע־אָרדנט און ענערגיש זיך גענומען צו דער אַרבעט. די אונטערנעמונ־גען און קאָלווירטן האָבן באַקומען מערקווירדיגע קאַדרען. דאָס אַלץ איז אָבער נאַטירלעך, בלויז אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט די באַדערפענישן פון דער געגנט. שוין אין משך פון די נאָענטסטע אַנדערהאַלבן־צוויי יאָר קאָנען דאָ אויפגענומען ווערן גרויסע מאַסן מענטשן, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, פאַר די

ניי־בויאונגען, פאַר די פונקציאָנירנדיגע אונטערנעמונגען פון דער געגנט.

עס פאָדערן זיך אַרבעטער פון די פאַרשיידנסטע פּראָפעסיעס און קוואַליפיקאַציעס.

די לאַנדווירטשאַפט וואַרט אויף אַ גרויסן צופלוס פון נייע קאָלווירטניקעס, טראַקטאָריסטן און קאָמבאַינערס.

עס פאָדערן זיך אינזשענערן, טעכניקער, וויסנשאַפטלעך־פאַר־שערישע טוער אויף פאַרשיידענע געביטן, עקאָנאָמיסטן, טעכנאָ־לאָגן, פּלאַן־טוער, פעלד־ציכטלער, גרינס־ציכטלער, סאַד־ציכטלער, זאָאָטעכניקער, וועטערינאַרן, אינזשענערן און מעכאַניזאַטאָרן פון דער לאַנדווירטשאַפט, ספּעציאַליסטן פאַר דאָרפישער עלקעטריפי־קאַציע, טוער פון וועג־בויאונג, מייסטערס פונעם הייזערבוי־וועזן, פון וואַסער־באַזאָרגונג, טוער פון האַנדל און געזעלשאַפטלעכער דערנערונג, און פיל, פיל אַנדערע.

עס פאָדערן זיך לערער, טוער פון קולטור און קונסט, עס זיינען נויטיג כירורגן, ספּעציאַליסטן פאַר קראַנקהייטן פון נאָז, אויערן און האַלז, דערמאַטאָלאָגן, טעראַפּעווטן, רענטגענאָלאָגן, אָקוליסטן, דענטיסטן, סאַניטאַר־דאָקטוירים א. אז. וו.

די נייע איינוואַנדערער ווערן דאָ אויפגענומען מיט צעשפּרייטע אָרעמס און עס ווערט זיי געגעבן די נויטיגע הילף אויף איינאָרדענען זיך. מען קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט אויסרעכענען צו קומען אַהער אויף אַלעם גרייטן. מיט געוויסע שוועריגקייטן פון איינאָרדענען זיך אויף אַ ניי אָרט קאָן מען די ערשטע צייט זיך באַגעגענען. נאָר עס ווערט אַלץ געטאָן, אַז די נייע בויער פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער מלוכהשאַפט זאָלן איינגעאָרדנט ווערן וואָס גיכער און וואָס בעסער.

•

## ווי אַזוי קאָן מען איבערוואַנדערן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט?

משפחות אָדער יחידים, וועלכע ווילן אינדיווידועל, אויפן אייגענעם חשבון, אַריבערוואַנדערן אין דער געגנט, דאַרפן וועגן דעם זיך ווענדן שריפטלעך קיין בירָאָבידזשאַן, אינעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט. אין דער מעלדונג דאַרף מען אין קורצן מיט־

טיילן: פאַמיליע־נאָמען, נאָמען און פאָטער־נאָמען, עלטער, פראָפעסיע, אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער פון דער משפחה, דערונטער די צאָל אַרבעטס־פעיאיגע און זייערע פאַכן, דעם נומער פונעם אייגענעם פאַספאָרט און פון די פאַספאָרטן פון אַלע משפחה־מיטגלידער, דעם פינקטלעכן אַדרעס. אויב דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט געפינט איין, אַז אַזאַ משפחה אָדער יחיד קאָנען אין דער נאָענטסטער צייט נאָכן אָנקומען אין דער געגנט זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט, זיך באַזאָרגן מיט אַ דירה א. אַז. וו., שיקט ער אַרויס דעם אַדרעסאַט אַן אָפיציעלן אַרויסרוף.

עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז באַטראַכטנדיג די אָדער יענע מעלדונג, וועט דער געגנטלעכער אויספיר־קאָמיטעט איינגעפינען פאַר נויטיג צו רעקאָמענדירן דעם איבערוואַנדערער אַ באַשטימטן פאָסטן אין דער אָדער יענער אונטערנעמונג. דאַן פאַרבינדט זיך דער איבערוואַנדערער מיט דער אונטערנעמונג, און ביידע צדדים רעדן זיך צונויף וועגן די קאָנקרעטע באַדינגונגען. אין אַזאַ פאַל באַקומט דער איבערוואַנדערער פון דער געגעבענער אונטערנעמונג וועג־הוצאות און אַלע איבעריגע קאָמפענסאַציעס אין הסכם מיט די תקנות פונעם אַרבעטס־קאָדעקס.

ווען פון אַ וועלכן־ניט־איז פונקט קלייבט זיך אַריבערפאָרן אַ מער־וויניגער גרעסערע צאָל איבערוואַנדערער, דאַרף די איניציאַטיוו־גרופע זיך ווענדן אינעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט מיט דער בקשה צו אָרגאַניזירן אַן עשעלאָן. דאַן וועלן די דאָזיגע איבערוואַנדערער באַקומען אין זייער רשות די נויטיגע וואַגאָנעם און הילף אין וועג, און וועלן ווי געהעריג באַגעגנט ווערן אין ביראָבידזשאַן.

•

## וועלכע הילף ווייזט אַרויס די סאָוועטן־רעגירונג די איבערוואַנדערער, וואָס פאָרן אַריבער אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אין עשעלאָנען?

פאַר גרופעס מענטשן, וועלכע ווילן אַריבערוואַנדערן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט קאָלעקטיוו, ווערט אָרגאַניזירט אַן עשעלאָן. אַזאַ גרופע איבערוואַנדערער באַקומט אָן געצאָלט די

נויטיגע צאָל וואַגאָנעס — פאַר די מענטשן און פאַר דער שטוב־ווירטשאַפט (ביז צוויי טאָן געוויכט פאַר אַ משפחה). די איבער־וואַנדערער קאָנען פירן מיט זיך אויך בעלי־חיים און פיטערוואַרג (צוליב דעם ווערן אויסגעטיילט באַזונדערע וואַגאָנעס). נאָר פיטער פאַר די בעלי־חיים אין וועג דאַרף דער איבערוואַנדערער אַליין באַזאָרגן. אויב ער האָט ניט קיין פיטער, קאָן ער פאַרן אַרויספאָרן אָפּגעבן די בעלי־חיים אינעם אָרטיגן פונקט פון „זאַ־גאָטסקאָט”, וואָס גיט אים וועגן דעם אַרויס אַ צייגעניש. לויט אָט דער צייגעניש באַקומט ער פונעם „זאַגאָטסקאָט” פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט די אַנטשפּרעכיגע גל[illegible]יגע בעלי־חיים.

אַ גרופּע איבערוואַנדערער, וואָס פאָרט אין אַן עשעלאָן, באַ־קומט אויף אַ חודש פּאָראויס שפּייז־פּראָדוקטן לויט דער אַרבעטער־נאָרמע, פאַר זיך און פאַר אַלע מיטגלידער פון דער משפחה (זויג־קינדער איינגעשלאָסן). אויף די גרעסערע באַן־סטאַנציעס באַקומען די מענטשן הייסע מיטאָגן לויט פעסטע מלוכה־פּרייזן.

ביים אָנקומען קיין ביראָבידזשאַן ווערן די איבערוואַנדערער אויף די ערשטע טעג איינגעאָרדנט אין ספּעציעל־צוגעגרייטע צוזאַמענוואוינונגען, וואו זיי רוען אָפּ פון וועג און באַקומען דריי מאָל אין טאָג געקאָכטע שפּייז (אָן געצאָלט). פאַר דער דאָזיגער צייט באַקענען זיך די איבערוואַנדערער מיט דער הויפּט־שטאָט פון דער געגנט, מיט אירע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. גלייכצייטיג ווערן זיי באַשטימט אויף אַרבעט — יעדערער לויט זיין פאַך און פאַרלאַנג.

די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, קאָלווירטן, מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, סאָווירטן און אַנשטאַלטן, וואו די נייע איינ־וואַנדערער קומען אָן אַרבעטן, באַזאָרגן זיי מיט דירות, העלפן זיי איינשאַפן זיך מעבל, שטוב־ווירטשאַפט און קליידונג.